# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ

בעזהשי"ת ▪ האזינו / שבת שובה / יום כיפור תשפ"א ▪ גליון צב'


# ווער בין איך באמת?

### די געוואלדיגע מתנה וואס מיר באקומען איין מאל א יאר:
## דעם הייליגן טאג יום כיפור!
### אנגעהויבן פון שבת תשובה.

---

"**כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ**" (ויקרא טז, ל). זאגט דער רבינו בחיי: דער פסוק איז אן הבטחה לדורות אז "יום כיפורים הוא יום מיוחד לסליחה וכפרה, ובו יטהרו ישראל מכל חטאתם שעשו לפני ה'..." יאר נאך יאר, ווערן מיר גרייניגט און געוואשן אין דעם הייליגן טאג ביז מיר באקומען צוריק אונזער אמאליגן שיין.

און אט דעם טאג האט אונז דער בורא כל עולמים געגעבן **באהבה רבה ובשמחה גדולה**. ווי דער תנא דבי אליהו שרייבט (אליהו רבה א'): **יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם** (תהלים קלט טז). עס איז דא איין טאג צווישן אלע 365 טעג וואס איז זייער חשוב פארן אייבערשטען. וועלכע טאג איז דאס? דעם הייליגן טאג פון יום כיפור **לפי שהיתה שמחה גדולה לפני הקב"ה שנתנו באהבה רבה לישראל...** איין מאל אין יאר איז דא איין טאג וואס דער בורא כל עולמים האט אונז אוועקגעגעבן במתנה מיט א געוואלדיגע אהבה, וואס דורך דעם טאג קענען מיר ווערן ווי ניי-געבוירענע מענטשן.

**ווי אזוי?** דער מהר"ש מבעלזא זי"ע צוטיילט דעם פסוק אין צוויי. **כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר:** דעם עצם טאג אליין איז שוין מכפר, אבער מען קען זיך נישט פארלאזן נאר אויפן טאג, מען דארף אויך צולייגן א פלייצע. **עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם:** מען דארף תשובה טוהן אויף אונזער זינד און הערשט נאכדעם וואס מען האט געטוהן אונזער חלק, וועט דער טאג טוהן זיינס און... **לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ**. ווייל יום כיפור איז נאר מטהר צוזאמען מיט תשובה. ווי דער הייליגער מאור עינים שרייבט (פרשת האזינו): **אך נראה דוודאי בלא תשובה אינו כלום**.

**וכאן הבן שואל**: נאכן הערן אזעלכע פחד'יגע ווערטער, "**איך קען נאר זוכה זיין צו דעם געוואלדיגן טהרה דורך תשובה!**", וועט א מענטש פרעגן "וואס מיינט דאס תשובה? קענט איר מיר אפשר מסביר זיין וואס איך דארף טוהן? און ווי לאנג דארף דאס אנהאלטן? ועל כולם, איך קען מיך גוט, אפילו יעצט אויפן מינוט האב איך חרטה, אבער דער טויש גייט נישט אנהאלטן צו לאנג! קען זיך דען א מענטש טוישן אזוי שנעל פון איין טאג אויפן צווייטן"?

### לאמיר לערנען א פסוק אין נביא און באקומען חיזוק פאר די הייליגע טעג....

---

## וואס איז דאס שבת שובה?

---

דעם שבת צווישן ראש השנה און יום כיפור זאגט מען אייביג דעם הפטרה "**שובה ישראל**"[א], דערפאר רופט מען דעם שבת "שבת שובה". (מטה אפרים תר"ב, מ)

**לאמיר ארייננקלערן**: נאר ווייל מען זאגט אן הפטורה, רופט מען שוין דעם גאנצן שבת אזוי? איז דאס טאקע דער גאנצע סיבה? פארוואס רופט מען נישט יעדן שבת לויט די נאמען פון זיין הפטורה?

**אלא מאי**, מוז מען זאגן אז נישט די הפטורה איז דער גורם, נאר דער זמן איז גורם. אנדערש ווי געווענדליך וואס דער הפטורה איז מענינה של פרשה (כמבואר בשו"ע או"ח רפ"ד, א), איז די הפטורה פון די וואך וועגן די ענין פון תשובה. ווי דער מחבר אליין זאגט: בשבת שבין ר"ה ליוה"כ מפטירים לעולם "**שובה**" (או"ח תכ"ח, ח). פארוואס? ווייל **דער שבת איז א זמן וואס מען דארף תשובה טוהן**.

כאטש וואס יעדע שבת קען מען תשובה טוהן, איז אבער דער שבת עקסטער מסוגל און העלפט ארויס צום שלימות פון תשובה...

ווי דער תפארת שלמה זאגט (שבת שובה): **שגמר ושלימות התשובה** (פון די עשי"ת) **הם ע"י שמירת שבת קודש**, כנרמז בפסוק (דברים ד, ל) **ושבת עד ה' אלקיך**. "ושבת" איז די אותיות **שבת**, **כי עיקר התשובה נגמר בשבת**.

---

[א] ווי דער נביא הושע בן בארי בעט זיך ביי כלל ישראל אז זיי זאלן תשובה טוהן אויף זייערע עבירות וואס זיי זענען געשטרויכלט געווארן און השי"ת וועט זיי מוחל זיין...




פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פערבונדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

ווי מיר געפונען ביי אדם הראשון אז הגם ער האט באלד תשובה געטוהן, איז זיין תשובה נישט אנגענומען געווארן ביז עס איז געקומען שבת קודש, הערשט דעמאלטס איז נתקבל געווארן זיין תשובה.[ב]

זאגט דער תפארת שלמה (שם): מיט דעם ידועה קענען מיר זאגן נאך א טעם פארוואס עס הייסט שבת שובה, ווייל אין דעם שבת איז נגמר געווארן דעם תשובה פאר דער מענטש וואס האט דער ערשטע תשובה געטוהן.

**דערפאר איז דעם שבת אן עקסטערע זמן וואס איז מסוגל צו תשובה טוהן!**

באמת וואלטן מיר געדארפט זאגן סליחות אום שבת אויך, ווי דער טור (או"ח סי' תר"ב) ברענגט דער מנהג פון די אנשי ספרד, צו זאגן סליחות און תחנונים אום **שבת שובה**...

פרעגט דער טור, "איי, חז"ל זאגן דאך **אין מתריעין בשבת** (תענית יט.)?" ענטפערט דער בית יוסף: די אנשי ספרד זאגן סליחות ווייל זיי האלטן אזוי ווי דער מאן דאמר וואס זאגט "**מתריעין בשבת על עיר שהקיפוה אויבים או שהטביעוהו נהר**", אויף פיקוח נפש מעג מען יא זאגן סליחות און מתריע זיין אין שבת.

און דער ב"י פירט אויס: **בעשרת ימי תשובה, שהתפלה נשמעת יותר מבימים אחרים, שהגזר דין נחתם ביום הכיפורים, אין לך דבר נחוץ יותר מזה,** אין די עשרה ימי תשובה, ווען מען הערט אויס אונזערע תפילות מער ווי א גאנץ יאר, איז נישט פארהאן קיין וויכטיגערע זאך ווי זאגן סליחות, אויך אין שבת.

אודאי מיר פירן זיך נישט אזוי און מיר זאגן נישט קיין סליחות אום שבת שובה, אבער מיר דארפן כאטש פארשטיין דער כח וואס מיר האבן אין די יעצטיגע טעג און געדענקן אז עס איז פיקוח נפש ממש.[ג] מיר מוזן אויפטוהן אין די עשרת ימי תשובה ועל אחת כמה וכמה, ביום שבת קודש זו.

דער שבת קודש פרשת האזינו שבת שובה, דינט ווי אן הכנה צום גרויסן און הייליגן טאג פון תשובה. און מיט די ריכטיגע הכנה, וועלן מיר זוכה זיין צו דעם ברכה "**סלחתי כדבריך**" פונעם אייבערשטער אליין ביום הקדוש. עס איז א טאג וואס מימות בריאות העולם זאגט דער אייבערשטער "סלחתי כדבריך" פאר יעדן איינציגן איד וואס וויל תשובה טוהן.

און יעצט, לאמיר פארשטיין דעם הפטרה...

**שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ.**

(הושע יד, ב)

שמואל, א לעבעדיגע בחור וואס קען קוים איינזיצן אין כיתה, געפונט זיך יעדע שטיק צייט ביים מנהל'ס אפיס. די מנהל, זייענדיג א הארציגע מענטש וואס זוכט אים צו העלפן, טוט אים נישט צו שטארק באשטראפן, נאר זאגט אים איינמאל און נאכאמאל, "שמואל, דו מוזט זיך טוישן, עס קען אזוי נישט אנגיין ווייטער! דו מוזט אנהייבן ווערן ערנסטער..."

אבער שמואל קען זיך נישט איינהאלטן. איין מאל, נאכן עובר זיין אויף א שטרענגע תקנה האט דער מנהל געשפירט אז דאס איז עס, ער קען שוין מער נישט, גענוג איז גענוג, וויפיל קען מען סובל זיין איינמאל און נאכאמאל פונעם זעלבן בחור?! עס איז פארפאלן, דאס קינד פארשטייט נישט, זיין פלאץ איז מער נישט דא! דער מנהל רופט אריין דעם בחור און זאגט אים מיט א שטרענגן פנים, "שמואל, זייט מיר מוחל אבער דאס איז עס, איך קען שוין נישט מער! זעהט אויס אז דער ישיבה איז נישט געמאכט פאר דיר! ביטע גיי זוך דיר א נייע ישיבה!"

**דער מנהל שפירט אז דאס איז עס! ער קען שוין מער נישט! גענוג איז גענוג! וויפיל קען מען סובל זיין איינמאל און נאכאמאל פונעם זעלבן בחור?!**

דער בחור שטייט בהעלם! ער קען גוט זיין מנהל און ווייסט אז יעצט מיינט ער דאס אמת'דיג. שמואל הייבט זיך אן בעטן, פארענטפערן און וויינען, אבער דער מנהל וויל שוין נישט הערן פון גארנישט. "מען האט דיר שוין עטליכע מאל געגעבן דעם געלעגנהייט און כסדר האסטו איבערגעמאכט די זעלבע טעותים! איך קען שוין נישט, דאס איז עס, **א גוטן טאג!**"

דער בחור שטייט ביים טיר אינגאנצן פארלוירן, "וואס טוה איך יעצט? וואו גיי איך?" בלית ברירה, גייט ער אהיים. זיין מאמע טרעפט אים און פרעגט, "שמואל, וואס גייט פאר? עודך האט מען דיר אהיים געשיקט? מען וועט דארפן ווארטן ביז דער טאטע קומט אהיים, לאמיר האפן אז די מנהל וועט זיך לאזן איבערבעטן!" ענדיגט זי צו אירע ווערטער.

ביינאכט, קומט זיין טאטע אהיים און הערט וואס גייט פאר. ער וויל שנעל אנרופן דעם מנהל אבער... דאס מאל זעהט ער אז שמואל איז זייער פארלוירן... דער טאטע געבט אים א פרעג, "עס איז נאך דא א וועג אויף צוריק? אדער דאס איז עס?!" פארשעמטערהייט מורמעלט זיך שמואל אונטער, "ניין טאטי, עס קוקט אויס ווי דאס איז! איך מיט די ישיבה זענען פערטיג!"

דער טאטע זעענדיג דער מצב, הייבט אן שרייען, "**שמואל וואס גייט פאר מיט דיר**? וויפיל מאל קען א מענטש מאכן טעותים? פארוואס פארשטייסטו נישט אז דו דארפסט זיך טוישן איינמאל פאר אלעמאל? וואס גייט יעצט זיין! וועלכע ישיבה גייסטו יעצט גיין?! און נאך דערצו אינמיטן זמן??" דער טאטע שפאצירט ארויס פון צימער א

---

[ב] זאגט דער מדרש (בראשית רבה כב, יג): ווי נאר אדם האט דאס געזעהן מיד עמד אדם הראשון ואמר: **מזמור שיר ליום השבת** וגו'.

[ג] דער חלק פונעם טור און ב"י און דעם אויספיר, האבן מיר געפונען אין דער פרשה קוואל עשרת ימי תשובה, מאת הגאון ר' אלימלך בידערמאן שליט"א

פארלוירענער, איבערלאזנדיג דאס קינד אליין אינגאנצן פארטראכט.

שמואל זעצט זיך אויף זיין בעט מיט אן אראפגעלאזטע נאז, ווען פלוצלינג פלאצט ער אויס אין א געוויין און זאגט, "הייליגע באשעפער, קוק אריין אין מיינע אויגן און זעה ווי איך וויל. יא, עס איז אמת אז איך האב שוין געזאגט עטליכע מאל אז איך גיי זיין וואויל, אבער ווער נאך ווי דו ווייסט דעם אמת אז איך מיין נישט חלילה קיין שלעכטס! קוק אריין אין מיין הארץ, וועסטו זעהן ווי יעדעס מאל עקסטער מיין איך דאס אמת'דיג!!!"

**"רבוש"ע, עס איז מיר צו שווער! איך קען זיך נישט איינהאלטן! יעדעס מאל, פאל איך נאכאמאל אדורך. אבער טאטע אין הימל, דאס מיינט נישט אז איך וויל נישט! געבט מיר די כלים, וועסטו זעהן ווי איך ווער אן אנדערע מענטש!"**

דער טאטע זיצט אין קאך און הערט א געוויין ארויסקומען פון זיין זוהן'ס צימער. זיין רחמנות ערוועקט זיך, ער לויפט באלד אריין אין צומער און זעהט זיין קינד אזוי ביטערלעך צוקלאפט, און רופט זיך אן "מיין קינד, איך זעה דיין הארץ. זארג זיך נישט, עס וועט זיין גוט!"

"אבער טאטי, דו ביסט נישט דער מנהל? וואס האב איך פון דעם אז דו זאגסט אז עס גייט זיין גוט? דער מנהל און די מגי"ש דארפן דאס אויך גלייבן!" וויינט דאס קינד ביטערלעך.

~

**שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֺנֶךָ.** פרעגט דער בני יששכר: וואס איז פשט פון די ווערטער? **וכי יש תשובה שאינה עד ה'**, אז מען דארף דא זאגן "**עד ה' אלקיך**"??

גיבט דער בני יששכר צו פארשטיין: **ואלמדך דעת בזה לקרב הענין אל השכל...** אויב וועט איר אריינטראכן אין די מדת פון א בשר ודם, וועט איר זעהן אז אפי' דער גרעסטער בעל מדות, דער ווייעכסטער הארץ, וועט זיינע גוטע מדות זיך ערגעץ אויפהערן.

אויב דער זעלבער מענטש וועט קומען איינמאל און נאכאמאל, טאג נאך טאג און אים אויפרעגן, וועט זיך זיין רחמנות ענדיגן, און **מער וועט ער נישט וועלן מוחל זיין**, ווייל וויפיל מאל קען דען א מענטש מוותר זיין און מוחל זיין, און נאך דערצו, פאר דער זעלבע מענטש?[ד]

אנדערש איז אבער די מידות פונעם אייבערשטען. זיינע מידות זענען בלי גבול ותכלית, און אויב איז דא ביי אים דער מדה פון **רחום וחנון וטוב וסלח**, איז דאס בלי גבול ותכלית. וויפיל מאל עס זאל נאר נישט זיין, איינמאל און נאכאמאל, וועט ער אייביג זיין א טוב וסלח, אפי' פארן זעלבן מענטש און פאר די זעלבע טעותים.

זאגט דער בני יששכר: ואם כן, **אל יפול לב האדם עליו איך אשא פני לשוב אליו ית"ש בתשובה.** "ווי אזוי קען איך עודך קומען און תשובה טוהן? וויפיל מאל קען איך דען תשובה טוהן? איך האב געזאגט איינמאל און נאכאמאל אז איך האב חרטה אויף מיינע מעשים און געבעטן מחילה, צוגעזאגט אז איך וועל שוין מער נישט און... גארנישט! צוריק צום אלטן! רבוש"ע ווי קען איך יעצט נאכאמאל קומען און בעטן סליחה מחילה וכפרה?! וויפיל מאל קען מען קומען, בעטן און צוזאגן אויפן זעלבע זאך אז שוין מער נישט?!"

> **הייליגע באשעפער קוק אריין אין מיינע אויגן און זעה ווי איך וויל. יא עס איז אמת אז איך האב שוין געזאגט עטליכע מאל אז איך גיי זיין וואויל, אבער ווער נאך אזוי ווי דו ווייסט דער אמת! אז איך מיין נישט חלילה קיין שלעכטס!**

**הנה לא יאמר האדם כן**, דער מענטש זאל חלילה נישט אזוי זאגן וויבאלד דער אייבערשטער איז נישט קיין בעל גבול ותכלית און זיינע מידות האבן אויך נישט קיין גבול ותכלית... **מען דארף גלייבן באמונה שלימה אז יעדע איינציגע מאל קען מען נאכאמאל תשובה טוהן, אפי' מען האט שוין געבעטן צענדליגע און טויזענטע מאל...** אף על פי כן, הטוב וסלח יקבלהו בתשובה.

דאס איז פשט פון די ווערטער פונעם נביא: "**שובה ישראל!**" טייערע איד! קער זיך אים! האב נישט קיין מורא! וויסן זאלסטו אז "עד ה' אלקיך", דיין תשובה איז פארן אייבערשטען, **היינו ה' אלקיך שהוא לעולמי עד בלי גבול ותכלית.** אויב אזוי, **יקבלך בודאי בתשובה בכל זמן ועידן, ואפי' שגית הרבה מאוד, הטוב וסלח ימחול ויסלח ויכפר.**

דער בעל התניא ברענגט א ראי' (באגרת התשובה פרק יא) פון דעם וואס מיר מאכן א ברכה דריי מאל א טאג ביי שמו"ע אויף דעם ענין פון סליחה, "**ברוך אתה ה' חנון המרבה לסלוח**". אויב וואלט דער ענין פון מחילה וסליחה נישט געווען קיין זיכערע זאך, ווי אזוי קענען מיר מאכן א ברכה מיט א שם ומלכות?

והרי קי"ל ספק ברכות להקל (ברכות כא. וברא"ש שם סי' טו), אויב קען זיין אפי' א ספק אז דאס מאל גייט עס זיין א ברכה לבטלה, וואלט מען דאך נישט געמעגט מאכן א ברכה, **אלא ודאי שאין כאן בזה שום ספק כלל**, עס איז זיכער כי חפץ חסד הוא וחנון ורחום ורב לסלוח, איינמאל און נאכאמאל וועט דער אייבערשטער אננעמען אונזער סליחה וכפרה... **וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ.**

---

[ד] **מעשה שהיה**, דערציילט א איד, "מיין בעה"ב האט זייער אסאך ארבעטערס אונטער זיך. דער עולם האט אים זייער ליב, ווייל ער האט אוועקגעשטעלט א פאליס"י אז מען מעג מאכן א טעות. יא, א מענטש איז נאר א מענטש און מען קען מאכן א טעות!" פרעגט אים דער צווייטער, "נו ווי אזוי פירט מען אזוי א געשעפט אז יעדער קען מאכן טעותים?!" זאגט דער איד, "ניין! עס איז דא נאך א פאלעס"י! א טעות וואס דו האסט שוין געמאכט איינמאל, קענסטו נישט איבערמאכן נאכאמאל, ווייל דאס ווייזט שוין אויף פארנאכלעסיגקייט. פארוואס האסטו זיך נישט געלערנט פונעם ערשטן מאל?!")

## פארוואס טאקע איז דאס אזוי?

זענען די ספה"ק מסביר: ווייל דאס קינד זיצט און וויינט און זאגט, "הייליגע באשעפער, קוק אריין אין מיינע אויגן און זעה ווי איך וויל. יא, עס איז אמת אז איך האב שוין געזאגט עטליכע מאל אז איך גיי זיין וואויל, אבער ווער נאך ווי דו ווייסט דעם אמת אז איך מיין נישט חלילה קיין שלעכטס! קוק אריין אין מיין הארץ, וועסטו זעהן ווי יעדעס מאל עקסטער מיין איך דאס אמת'דיג!!!" און אויב מיינט מען דאס אמת'דיג קען דער תשובה נישט זיין קיין עיכוב.

**לפי זה, זאגט דער בני יששכר,** קען מען זאגן פשט אין פסוק: "**שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל**", דער איד קען תשובה טוהן. משא"כ דער גוי, קען נישט תשובה טוהן, ווי דער כלל איז אז נאר ביי אידן העלפט תשובה און נישט פאר די גוים. דער טעם דערפון איז ווייל "**כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֺנֶךָ**", וויבאלד די אידן זענען בעצם גוט, נאר צומאל פאלן זיי אדורך מיט אן עבירה, דערפאר זענען זייערע עבירות גלייך נאר אזוי ווי א שוגג און תשובה העלפט פאר זיי. אבער ביי די גוים איז פונקט פארקערט, זיי זענען בעצם שלעכט, דערפאר זענען זייערע עבירות גלייך ווי א מזיד און תשובה העלפט נישט פאר זיי. (אגרא דצבי רמז רמ"ו ב')

## וואס מיינט תשובה?

**ומה היא התשובה?** זאגט דער רמב"ם (הלכות תשובה פ"ב, ב): **הוא שיעזוב החוטא חטאו, ויסירו ממחשבתו, ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד... "ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם"...**

פרעגט דער לחם משנה: לכאורה דארף מען פארשטיין, ווי אזוי קען זיין אזא זאך אז דער אייבערשטער זאל עדות זאגן אויף א מענטש בשעת ער טוט תשובה, אז ער גייט שוין מער קיינמאל נישט זינדיגן, **וכי לא נשארה הבחירה בידו**, אפי' אויפן גרעסטן צדיק זאגט מען דעם פסוק: הן בקדושיו לא יאמין. (איוב טו, טו)

גיבט דער משנה למלך צו פארשטיין: אודאי גייט דער אייבערשטער נישט עדות זאגן אויף אזא זאך, די רמב"ם מיינט נאר צו ארויסברענגען ווי ערנסט די תשובה דארף זיין, אז דער מענטש זאל וועלן רופן דעם אייבערשטען פאר אן עדות שלא ישוב לזה החטא לעולם.

ווי דער בעלזא רב (מהרי"ד) איז מסביר: דהיינו, באותו שעה דארף דער תשובה זיין מיט אזא ערנסקייט ובמסי"נ שלא יחטא עוד, עד כדי כך אז דער אייבערשטער אליין זאל קענען עדות זאגן "לפי אותה שעה שלא יחטא עוד", כאטש וואס עס קען זיין אז ער וועט נאכאמאל אדורכפאלן, דאך העלפט זיין תשובה, **כיון שהקב"ה ראה שבאמת היתה דעתו בשעת תשובתו שלא יחטא בשום אופן, דן אותו השי"ת באשר הוא שם ומקבל תשובתו.**

און דא איז דער חילוק פון דער בורכ"ע צו דער מנהל. דער מנהל וואס איז נאר א בשר ודם, ער קען מוחל זיין איינמאל און נאכאמאל אבער נאר ביז א געוויסע מאס. נאך עטליכע מאל זינדיגן, וועט ער פלאצן, אבער דער בורא כל עולמים וועט אייביג אננעמען אונזער תשובה, , כל זמן וואס מיר מיינען דאס ערנסט. דער אייבערשטער וועט קיינמאל נישט זאגן, "גענוג איז גענוג, וויפיל קען מען סובל זיין איינמאל און נאכאמאל פונעם זעלבן מענטש!"

**אבינו מלכינו: "דו ביסט אונזער טאטע און אויך דער מלך העולם! אבינו: דו ביסט אונזער פאטער און דו האסט אויף אונז רחמנות. אבער מלכינו: דו ביסט אויך אונזער קעניג! דערפאר ווען דו נעמסט אן אונזער תשובה, מיינט דאס אז דער "מנהל" פון דער וועלט איז אויך מסכים, און מיר זענען מסודר! בנוסף צו דעם האסטו דער מעלה מער פונעם מנהל, אז אפי' איך האט מיר פארזינדיגט עטליכע מאל, ווען איך קום זאגן "סלח לנו אבינו כי חטאנו", בין איך נאכאמאל מסודר, ווייל דו ווייסט מיר אייביג זאגן "סלחתי כדבריך"!**

~

## וואס זענען די זינד פון א איד?

## ווי אזוי מאכט מען שטיל די מקטרג?

לאמיר מדייק זיין די ווערטער...

**הַס קַטֵּגוֹר. וְקַח סַנֵּגוֹר. מְקוֹמוֹ:**
**וִיהִי ה' לְמִשְׁעָן לוֹ. לְמַעַן נַאֲמוֹ. סָלַחְתִּי:**
(סליחות ליל יום כיפור אמנם כן...)

לכאורה איז שווער צו פארשטיין: **א**- וואס איז פשט פון דער לשון **הַס קַטֵּגוֹר**- מאך שטיל דעם קטגור. ווי אזוי ארבעט דאס? עס איז דאך זיין תפקיד צו מקטרג זיין?

**ב- וְקַח סַנֵּגוֹר.** ווי אזוי נעמט מען דעם סנגור אנשטאט דעם קטגור? מען קען אויפטוישן סתם אזוי? יעדער האט זיך זיין באשטימטע פלאץ. ער באלאנגט אויף דער רעכטע זייט און ער באלאנגט אויף דער לינקע זייט!

**ג- וִיהִי ה' לְמִשְׁעָן לוֹ.** ווי אזוי קען דער שופט אליין זיין דער העלפער? הלא **אין להשופט להתערב בדין**, ווי אזוי קען זיך דער שופט אריינמישן כל זמן וואס דער קטיגור און דער סניגור לייגן נאך פאר זייערע טענות?!

זאגט דער בעלזער רב זי"ע (מהרי"ד) א הפלה'דיגן פשט: וי"ל, דא רעדט מען נישט פון קיין פשוט'ע טענות, דא רעדט מען פון אזעלכע טענות וואס דער קטגור לייגט פאר, שעל פי האמת זענען זיי בכלל נישט קיין ריכטיגע טענות...

**למשל:** זיי דערציילן אויף א איד אז אין א ספעציפישע טאג אין יאר האט ער נישט געדאווענט בציבור אדער ער האט שנעל אפגעכיפערט זיין דאווענען אדער בענטשן. אדער אין א ספעציפישע טאג אין יאר האט ער נישט געלערנט קיין תורה! לכאורה, אויבן אויף, קוקט דאס אויס ווי קטרוגים גדולים, פארוואס האט דער איד נישט אכטונג געבן אויף די מצוות התורה? א געפערליכע זאך!

זאגט אבער דער בעלזער רב: יא, עס קען זיין ער זאגט גוט, אבער ריכטיג איז דאס נישט! ווייל אז מען וועט אריינגיין אביסל טיפער אינעם בילד, וועלן מיר זעהן שאין אלו טענות כלל, ער דערציילט נאר

א האלבע מעשה, די אלע זאכן וואס ער רעכנט אויס אויף דער איד, זענען ווייט נישט געטוהן געווארן צוליב קלות ראש ח"ו, ער האט בכלל נישט אינזין געהאט צו מזלזל זיין אין די מצוות...

**זאל ער דערציילן די גאנצע מעשה:** מעשה שהיה כך היה. געוועגדליך איז זיין ווייב דער וואס איז זיך מטפל מיט די קינדער. זי גרייט אן און מאכט און טוט. און אין יענע צייט וואס דער מקטרג זאגט עדות אויף, איז זיין ווייב ליידער נישט געווען אזוי געזונט און ער האט אלעס אליין געדארפט טוהן. נו, וויבאלד ער איז געווען פארנומען מיט די קינדער, האט ער נישט געהאט קיין צייט...

דער אנדערע איד האט א צווייטע מעשה. עס איז געווען פאר יום טוב און וויבאלד ער האט נישט געוואלט ארבעטן חול המועד, האט ער געדארפט אריינלייגן פיל מער שעות אין די ארבעט פאר יום טוב, כדי משלים צו זיין דער ארבעט. דערפאר, האט ער נישט געקענט האבן זיינע קביעות עיתים לתורה ביינאכט...

כהנה וכהנה, יעדער מיט זיין פעקל און מיט זיין דאגה מיט וואס ער איז געווען פאריאגט און פארפלאגט. הצד השוה שבכולם, קיינער האט דאס נישט געטוהן משאט נפש...

**רבוש"ע, ווער נאך ווי דו ווייסט דער אמת אז קיינער פון אונז האט חלילה נישט געמיינט אדער געוואלט טוהן שלעכטס!**
**והא ראיה, דו זעהסט דאך ווי מיר שטייען און קלאפן על חטא!**

והשטן ברשעותו, קומט מיט א גלייכע פנים און לייגט אראפ א געשמאקע מעשה כדי צו האבן וואס צו מקטרג זיין. ער טוט אבער נישט פארשטעלן פאר בי"ד של מעלה דער צווייטער חלק אויך. ער דערציילט נאר א האלבע מעשה, ער זאגט נאר דער חלק הקטרוג. אבער דער חלק הלימוד זכות לאזט ער אויס! ונוסף לכך, זאגט ער דאס נאך מיטן פולסטן מאס חוצפה, עד כדי כך אז דער סניגור ווערט אינגאנצן פארלוירן וואס גייט מען דא ענטפערן...

און דא קומט אריין אונזער דערבארעמדיגער פאטער **ויהי ה' למשען לו**, דער אייבערשטער אליין וואס איז א בוחן כליות ולב, ער ווייסט יא דער אמת, ער ווייסט אונזערע אמת'ע רצונות, ער ווייסט גוט אז מיר האבן נישט געהאט קיין בייזע כוונות חלילה, ער וויל ארויסהעלפן דעם סניגור און אים צוריקגעבן דעם כח אז ער זאל קענען מלמד זכות זיין **ויצא משפט צדק**. וואס טוט ער??

**הס קטיגור**, ער נעמט דער חלק המעשה וואס דער קטיגור שווייגט פון צו זאגן, **וקח סניגור מקומו**, ער דערציילט דאס פארן סניגור אז דער סניגור זאל יעצט קומען און נעמען דעם פלאץ פונעם קטיגור און פארציילן דעם אנדערע העלפט מעשה און אזוי ארום, **למען נואמו סלחתי**, קען מען רואיג זאגן "סלחתי".

(מהרי"ד מבעלזא הובא בילקוט מקראי קודש לראש השנה במאמרים יקרים)

## אז די הארץ איז פארקלאפט, לאמיר בעטן רחמנות אויף דעם אליין...

**לֹא תִרְאֶה אֶת שׁוֹר אָחִיךָ אוֹ אֶת שֵׂיוֹ נִדָּחִים וְהִתְעַלַּמְתָּ מֵהֶם הָשֵׁב תְּשִׁיבֵם לְאָחִיךָ.** (דברים כב, א) טייטשט דער הייליגער חת"ס: דער פסוק זאגט אונז דא אז עס איז דא א מצוה פון דאגה'נען פאר א צווייטע איד, **שלא יראה בעיניך ח"ו שנשמת אחיך נדחים ואין לה תקנה ח"ו**, שטיי נישט אין די זייט ווען דו זעהסט דיין ברודער'ס נשמה גייט צוגרינד, ווען דו קלערסט צו זיך, כאילו אין לה תקנה ח"ו, **ועי"ז והתעלמת ממנו לייאשו מתשובה** און דורכדעם, וועסטו זיך צוריקהאלטן פון אים מחזיר בתשובה זיין, ווייל וואס קען איך דען טוהן, ער איז שוין ממילא פארפאלן...

זאגט דער חת"ס: **חלילה, אלא אפי' אם לא קרוב אליך ולא ידעתו**, אפי' דו קענסט אים בכלל נישט און ער איז בתכלית הריחוק מ"מ, **והבאתה אל תוך ביתך**, נעם אים אריין צו דיר, זיי אים מקרב, טוה דאס בעסטע וואס דו קענסט נאר. **כמו שעשה ר' יוחנן לר"ל** (ב"מ פד'.), **והלל להאי גיורא** (שבת לא.), **עד דרוש אחיך אותו**, ביז זיין הארץ וועט זיך עפענען. און דעמאלט וועט ער שוין אליין וועלן און זיך בעטן ללמדו דרכי תשובה און אזוי **והשבותו לו**, וועסטו אים צוריקקערן צום בוכ"ע.

(חידושי חת"ס עה"ת תצא תק"ס)

לפי"ד קענען מיר דאס נוצן אלץ א תפילה, "רבוש"ע, צו קענען טוהן דער מצוה, דארף מען קענען און וויסן ווי אזוי. נישט יעדער איז פאסיג פאר דעם. אבער דו רבוש"ע, קענסט יא דעם פאך! אויב דאס איז א מצוה אין די תורה, ביסטו דאך דאס אודאי אויך מקיים. בעטן מיר דיר טאטע, **לֹא תִרְאֶה אֶת שׁוֹר אָחִיךָ... נִדָּחִים**, שטיי נישט אין די זייט און זעה ווי מיר פאלן אוועק, **וְהִתְעַלַּמְתָּ מֵהֶם... חלילה! הָשֵׁב תְּשִׁיבֵם לְאָחִיךָ**, קער צוריק אונזער הארץ, **וַאֲסַפְתּוֹ אֶל תּוֹךְ בֵּיתֶךָ**, נעם אונז צוריק אריין תחת כנפי כסותך, עפן צוריק אויף אונזערע הערצער. **וְהָיָה עִמְּךָ עַד דְּרֹשׁ אָחִיךָ אֹתוֹ**, זיי מיט אונז ביז אונזער נשמה וועקט זיך אויף און דו וועסט זעהן ווי... **וַהֲשֵׁבֹתוֹ לוֹ**... מיר וועלן תשובה טוהן מיט אן אמת."

**הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם.**

~

# מוסר השכל:

**אין דעם טאג יום כיפור וואס יעדער איד קלאפט פינעף מאל 44 מאל על חטא, שרייט ארויס דער אמת "ווער בין איך"! דער אמת ווערט אנטפלעקט, און ווען דער אמת ווערט אנטפלעקט, קען דער שטן שוין נישט מקטרג זיין ווייל היינט דערציילט מען נאר גאנצע מעשות.**

חז"ל זאגן אונז: "השטן" איז גימטריא שס"ד, די ימות החמה זענען שס"ה טעג, פעלט דאך איין טאג. נאר טאקע דאס מיינט מען, שכל ימות השנה קען דער שטן מקטרג זיין אבער איין טאג "ביום הכיפורים" אינו מקטרג . (יומא דף כ ע"א, במדרש ויקרא רבה, כ"א ד)

**יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם**, זאגט דער תנא דבי אליהו: עס איז דא איין טאג צווישן אלע 365 טעג, וואס איז זייער חשוב פארן אייבערשטען. וועלכע טאג איז דאס? דאס איז דער הייליגער טאג פון יום כיפור וואס דער אייבערשטער האט געשאנקן פאר כלל ישראל! עס איז דא איין



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך אויף אי-מעיל,
קענט איר זיך פארבינדן מיטן torah10952@gmail.com

טאג אין יאר וואס מיר קענען זיך אויסרייניגן און אויסשווענקן דער גוף און דער נשמה, ווערנדיג צוריק שיין און גלאנציג ווי אמאל.

**בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן, כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת...** שטייענדיג שבת קודש, שבת שובה, עטליכע טעג נאך ראש השנה און עטליכע טעג פאר יום כיפור, ווען די ווערטער קלינגען נאך אין די אויערן און ווארעמען נאך די הארץ, ווען מיר צוענדיגן מיט א מליצה ישירה פונעם סניגורן של ישראל...

דער הייליגער קדושת לוי האט געזאגט פשט אין די ווערטער, "רבונו של עולם, זעה די חילוק צווישן אידישע קינדער און די גוים. זיי, די גוים "**בראש השנה יכתבון**"- שרייבן אין ראש השנה און זענען מחלל יום טוב, "**וביום צום כיפור יחתמון**"- אין יום כיפור חתמ'נען זיי און זענען מחלל דעם הייליגן יום כיפור, "**כמה יעברון**"- וויפיל פרויען זענען זיי מעבר, "**וכמה יבראון**"- וויפיל ממזרים באשאפן זיי. יעצט פרעג איך דיר, רבונו של עולם, "**מי יחיה, ומי ימית**"- ווער דארף צו לעבן און ווער דארף צו שטארבן?!"

(תולדות קדושת לוי אות ס"ג, הובא בספר אוצר המועדים)

דער גוי האט נישט קיין ראש השנה, דער גוי האט נישט קיין שבת שובה און דער גוי האט נישט קיין יוה"כ, ווייל דער גוי דארף דאס נישט. פאר אים העלפט נישט קיין תשובה, ווי דער מדרש זאגט (תנחומא האזינו ד' בא"ד) כְּתִיב: יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ (במדבר ו, כו). וְכָתוּב אֶחָד אוֹמֵר, אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים (דברים י, יז). **עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה, נוֹשֵׂא לוֹ פָּנִים. יָכֹל לַכֹּל. תַּלְמוּד לוֹמַר: אֵלֶיךָ, וְלֹא לְאֻמָּה אַחֶרֶת,** נאר דער איד האט דעם זכות פון תשובה טוהן און ווערן א בעסערע מענטש. דער גוי קען וויינען, דער גוי קען זיך מתוודה זיין, ער קען מאכן חגאות, אבער גארנישט טוישט זיך נישט. דער גוי בלייבט דער זעלבער ווי פריער, ווייל דער גוי איז מיסודו שלעכט און ער צוהט כסדר צו שלעכטס. ווען ער איז יא גוט איז עס נישט אים! משא"כ, דער איד, וואס איז ביסודו גוט און ער וויל גוט, ווען ער איז נישט אין בעסטן, איז דאס נישט אים...

**רבוש"ע: וְנִסְלַח לְכָל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכָם פארוואס? כִּי לְכָל הָעָם בִּשְׁגָגָה.**

~

### דער אור פון יוה"כ איז מופיע דעם שב"ק!!.

אין פרשת נצבים, זאגט דער באר מים חיים: "כל ברכאין דלעילא ותתא ביומא דשביעאה תלין" (זוה"ק). יעדע ברכה, יעדע חסד, יעדע טובה וואס קומט אראפ במשך פון די וואך לכללות העולם או לאדם פרטי, **הכל נעשה ונתמשך בשבת קודש שלפניה**, קומט פון דער קוואל וואס איז געבענטשט געווארן אינעם שבת קודש פריער. **ונמצאת למד מזה**, שגם ביום הגדול והנורא עת משפט עמו ישראל בראש השנה, והקצבת חיותם ופרנסותיהם ומזונותיהם. ווען ווערט דער קוואל פון ראש השנה געבענטשט? דער שבת קודש פאר ראש השנה.

לפי דעם יסוד, דארף דאס אויך זיין ביי יעדע יום טוב, (עיי"ש לענין שבת הגדול). אויב אזוי, איז דעם שבת קודש אויך אזו. **שבת קודש, פרשת האזינו, דער שבת פאר יום כיפור, איז דער זמן וואס פארמירט זיך דעם קוואל פון תשובה וסליחה וואס קומט אראפ ביום הגדול והנורא יום כיפור הבעל"ט. דעם שב"ק, לאמיר זיך טאקע גרייט מאכן מיט די ריכטיגע הכנה צום גרויסן און הייליגן יום טוב!**

# צידה לדרך

## א לימוד פון די וואכנדיגע פרשה:

**הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִי.** (דברים לב, א)

איינע פון די רמזים וואס מיר געפונען אסאך אין די ספה"ק איז דאס אז "שמים" איז מרומז אויף העכערס און "ארץ" איז מרומז אויף מער נידריג. ד"מ: ווען מען רעדט פונעם מענטש, ווערט דאס צוטיילט אויף די צדיקים און בינונים. **האזינו השמים** מיינט מען די צדיקים, שהם במדריגה גדולה, **ותשמע הארץ** מיינט מען די פשוט'ע אידן הנמשלים לארץ. אזוי אויך, ווען מען רעדט פון רוחניות און גשמיות, ווערט דאס צוטיילט. **האזינו השמים** מיינט מען די חלקי השמים, **ותשמע הארץ** מיינט מען די חלקי גוף הנדמה לארץ. (עי' באוחה"ק).

לפי"ז, ליגט דא אין דעם פסוק באהאלטן א געוואלדיגע חיזוק צוזאם געפלאכטן מיט א שטארקע מוסר. די תורה הק' געבט אונז דא אן הבטחה אז אין אלע זמנים און אין אלע מצבים וואס דער מענטש געפונט זיך נאר, וועט אייביג זיין "**וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִי**", נישט קיין חילוק אין וועלכע צייט דער מענטש געפונט זיך יעצט, וועט ער אייביג קענען הערן די רייד פון הקב"ה. די חילוק איז נאר ווי אזוי דער מענטש הערט דאס...

אויב איז דאס אין העכערע זמנים ווי שב"ק און יו"ט אדער ווען דער מענטש אליין איז אין א העכערע מצב, ער שפירט און וויל דעם אייבערשטען, דעמאלטס איז די תורה ומצות ביי אים בבחינות **הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה**, ער הערט דעם צווי השם הויעך און קלאר מיט א שטארקייט און שפירט אז טאקע איהם מיינט מען.

ווידער איז אבער דא צייטן וואס דער מענטש געפונט זיך אין מער פשוט'ע טעג, אדער דער מענטש אליין איז אין א נידריגערע מצב, ער שפירט גארנישט און פילט אז אלעס איז אים פארקנאקט, אמת אז דעמאלטס איז אויך דא אין אים דעם דבר ה', אבער דעמאלטס איז דאס נאר בבחינות "**וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִי**" די ווערטער זענען נישט אזוי הויך און נישט אזוי קלאר. די ווערטער זענען מער כללות'דיג און דער מענטש שפירט נישט אז מען מיינט אים פערזענדליך. (עי' בנתיבות שלום האזינו)

והגם א גאנץ יאר קען זיין אז דער מענטש הערט נישט אזוי קלאר דעם בת קול "**שובו בנו שובבים**", איז אבער דא פיר גרויסע זמנים, וואס די טעג אליין שרייען קולות און יעדע אידיש קינד קען הערן דעם געשריי.

ווי דער של"ה הק' זאגט אויפן פסוק: **אַרְיֵה שָׁאָג מִי לֹא יִירָא** (עמוס ג, ח). דאס מיינט מען די פיר גרויסע זמנים וואס זענען מרומז אינעם ווארט "**אריה**", **א**לול, **ר**אש השנה, **י**ום כיפורים, **ה**ושענא רבה, וואס די טעג שרייען ווי א לייב צו נפש הישראלי "עורו ישנים משנתכם, ונרדמים הקיצו מתרדמתכם".

און אין די טעג דארף מיר זיך עקסטער צוהערן און ארויסברענגן דעם אהבת ה'. ווי מער מיר וועלן טוהן און זיך איינהערן אין די טעג, אלץ מער און לענגער וועט דער קול בלייבן ביי אונז אין הארץ.

**הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה**, אויב אין די גרויסע זמנים (הנקרא שמים) וועט מען זיך איינהערן מיט א קלארקייט צו דעם דבר ה', וועט מען זוכה זיין אז **וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי פִי**. אלע אנדערע זמנים (הנקרא ארץ) וועט מען אויך קענען הערן דעם דבר ה' רעדן צו אונז! (עיי"ש בנתיבות שלום)

א לעכטיגן שבת!